126

# פרומע געזאנגען

פון יוסף כלעווי

74820

פארלאג
דערקוואל

דער קוואל

געדרוקט אין דער דרוקעריי „אוניאן" (ברידער אַפּפּעל) אין ווין, .IX

1) 126

# פרומע געזאַנגען
## און אַנדערע לידער

פון יוסף לעווי

פארלאג „דער קוואַל" ווין, וואַרשע, לעמבערג, התר"פ

אין ליבע
מיין מרים

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:9852

1) 126

# מיין טאַטע דער סופר

צ ע ה ן ל י ד ע ר

✦ ✦ ✦

זיין פנים איז ליבליך געווען, אַזוי ווי ביי טרויריגע קינדער,
זיין האַרץ האָט שוין ביטער געקוועלט זיך מיט צרות און קיינעם פֿאַראָטען;
זיין יוגענט אַוועק איז אין קלויז איהם, אַזוי ווי אין אָווענט א שאָטען...
וואָס האָט ביי אַ יעדען אין האַרצען פֿאַרצינדען אנ'אומעט באַזונדער
און האָט זיך געווינט מיט קדושה, געקושט די נשמה מיט וואונדער...

און היינט ערשט די פרומע, די בלויע, די כשר'ע, יודישע אויגען,
וואס ס'האָט זיך גאַנץ אָפט, ווען געשמייכעלט זיי האָבען, געדאַכט אַז זיי וויינען...
און פֿלעגען אַזוי ווי די זון פֿון דעם הימעל, פֿון וואָלקען צו שיינען...
זיין גוף איז געווען פֿון תעניתים געהייליגט, געזויבערט, געבויגען,
אַזוי ווי די הייליגע שכינה מיט יודישען צער אנגעזויגען...

און האָט ער פֿאַרהילט זיך מיט יראה אין תפלין און הײליגען טלית,
האָט שטיל אויף זײן פּנים זײן טיפֿע אמונה געשײנט און געלויכטען;
און האָט װי אַ שטראַל מיט אַ בלימעל זיך פֿרום מיט זײן בענקשאַפֿט פֿאַרפֿלאָכטען, —
און ס׳האָבען גערעדט פֿון זײן שטערען פֿון זוהר פֿאַרענטפֿערטע שאלות...
און ס׳האָבען מלאכים פֿון הימעל מגלה געװען זײנע מעלות...

און האט ער געעפֿענט די לעפֿצען אַ ברכה פֿאַר װעמען צו געבען,
דאַן האָט זיך געדאַכט, װי עס װאָלט זיך געעפֿענט דער הימעל, דער היכל...
און װער ס׳האָט באַקומען זײן ברכה, אַ װײל האָט פֿאַרלוירען זײן שכל,
און פּלוצים דערפֿילט זיך אין עפּעס אַן׳אַנדערען הײליגען לעבען,
װאו כרובים אַלײן מיט דער שכינה שטיל װײנענדיג זינגען און שװעבען...

אויך ליב דיינע ווערטער, די טרויריגע שטילע,
וואָס זענען פאַרפולט מיט קדושה און לייד
און שוועבען אַזוי ווי די קלאַנגען פון נעילה
יום־כפור פאַר־נאַכט ווען די זון שוין פאַרנייט...

כ׳האָב ליב דיין פאַרעצבות׳טע יודישע גבורות,
אָ נעטליכער העלד, דו פון הויט און פון ביין!...
כ׳האב ליב דיינע זיסמעלאַנכאָלישע זמירות, —
וואָס מאַכען די שכינה פאַר וויטאָג צוניין...

און זיצסטו ביים ספר און טינקסט איין די פענע
אין טינטער, און הויבסט אויף דיין היילינע ברעם,
דאַן זעה איך דאָס גרויסע התפעלות פון יענע
וואָס האָבען פאַרקוילט זיך על קדוש השם!...

די אותיות פון די עמודים דערמאָנען,
באַפערעלט מיט תגין, דיין געטליכע רוה...
און כ'קוק אויף דיר פאָטער, און כ'קאָן נישט דערקאָנען,
אַז ווער עס איז געלער, דער פאַרמעט צי דו?...

אַזוי ווי אַ רמז, אַ סוד פון קבלה,
פון גאָט און מלאכים באַשטראַלט און באהיט;
איך זעה דיך און ס'דוכט מיר, דו האָסט קיין התחלה,
קיין סוף, דו פון פאַסטען צוטרוקענטער יוד...

און גלייך ווי ס'באַפאַלט צו כל נדרי אַ מורא,
אַ יעדער בעל חטא זיין שפלות דערפילט...
אַזוי דערפיל איך זיך, ווען כ'זעה ביי דער תורה
דיך זיצען אין טלית און תפלין געהילט...

דער „קסת-הסופר", ער ליגט פאַר דיר אָפען
און אָפט לויפט אַהין דאָרט דיין אויג נאָך אַ דין;
און ס'ליגט אויף דיין פנים פארחתמעט דאָס האָפען,
פון אַלע ענויים פון דיר און דיין מין...

אָ פאָטער, ווי גרויס איז דיין האַרצענס-עשירות,
כאָטש אָפט איז פון דחקות דיין טיש נישט געדעקט...
און שרייבסטו, דאַן ציטערען די עשר ספירות,—
מיט כתות מלאכים אין הימעל פאַר שרעק...

איך זעה אין דיר פֿאָטער אַ דור ווי אין דרימעל, —
אַ רינג פֿון דער גאָלדענער יודישער קייט!...
אָ גרויס איז די זון וואָס נייט אויף דאָרט אין הימעל —
דאָך גרעסער די זון אין די בערג וואָס פֿאַרגייט...

✦ ✦ ✦

באַטראַכט איך דיין לעבען דאַן ווילט זיך מיר וויינען
מיט טרערען פֿון מורא און צער אָהן אַ צאָל,
דאָס אויג דיינס עס לייכט ווי די הייליגע שיינען,
אין קדש קדשים פֿאַרצייטען אַמאָל...

דיין האַרץ, דאָס באַטריבטע, דאָס שטילע, דאָס פֿרומע
ווי ווילט זיך מיר קניהען און בוקען דערצו,
עס ברומט ווי אַ טויב דאָרט אַרויס פֿון מיין אומה,
זיין אייביגער לעבען פֿון מאַטער אָהן רוה...

דיין קשר של ראש און של יד, די סמנים —
מיר ווייזען פֿון צרות און צער אָהן אַ ברעג;
דער הייליגסטער עדות דיין בלוט־לערער פנים
פֿון יודענס פֿאַראייניזאמטען בלוטיגען וועג...

און אַלע די שבעה מדורי גהינום,
איך ליין פֿון דיין שטערן מיט פחד און גרויל,
און כ׳זעה די צדיקים וואָס האָבען פֿארברענגען
נעלאָזט זיך פֿארצייטען מיט שמחה אויף קויל...

און טיף אין מיין הארץ מיך באַפֿאלט אזא מורא,
און שמידט מיך אין קייטען פֿון שוידער און פיין,
איך פֿאל אויף דיין ספר און קוש יעדע שורה,
און שרייענדיג קדוש איך שטיק זיך אין וויין!...

אָ כהן הגדול, דו שטייסט אין עזרה
און דוכנ׳סט פֿאַר אונז ווי פֿאַר צייטען אמאָל...
אין טלית געהילט און אין זילבער־עטרה,
אל שדי, אל שדי, שמע ישראל!..״

אַמאָל ווען דו ביזט פֿון דער טבילה געקומען
אין דרויסען געברענט האָט דער פֿראָסט מיטן קעלט.
זיך גלייך האָסטו פֿרום פֿאַר דיין אַרבעט גענומען
מיט הייליגען מוט אין דיין באַנגען געצעלט...

דאָס תיקונ'דעל שטיל איז און אָפֿען געלעגען,
די שורהלעך האָבען אַרויס דאָרט געשיינט;
אַזוי ווי די שטערען אויף טונקעלע וועגען —
און דו האָסט צום שרייבען אַפֿיר זיי געליינט...

„אוי מאַמעניו הייליגע, טייערע צדקות!״
האָט טרויריג אין חלל געציטערט נאָך דעם.
מיט טיפער קדושה פאַרוועבט און דבקות:
„ראה אני כותב על קדושת השם״...

און ווי נור עס זענען די לעפצען אַנטשוויגען
דיין הייליגער קול האָט זיך מעהר נישט געהערט.
האָט עפעם געגומען זיך טראָגען אַ ניגון,
וואָס ס׳האָט נאָך קיין מענש אויף דער וועלט נישט געהערט...

די זון האָט צו מנהה שוין מכין געוועזן זיך,
די לענדען זיך פרום מיט אַ בלוט־גורט פאַרהילט;
און דאַמאָלט אָ פאָטער ווער ס׳האָט ניט געזעהן דיך,
דער האָט נאָך קיין גלות השכינה געפילט!...

און אָפטמאָל ווען ס׳דוכט מיר אַז ס׳איז שוין געקומען
מיין סוף, און איך ליג ווי אַ וואָרעם אין שטויב,
דאַן הער איך דאָס הייליגע קול ווידער ברומען,
און וואָרקען מיט ליבע און צער ווי אַ טויב...

אָ רעד צו מיר ווייטער די היילינע ווערטער,
דערפֿילען מיט זיסער נחמה מיין זעל.
אָ רעד צו מיר ווייטער דו אייביג פֿאַרקלערטער
דיין יעדערעס וואָרט ווי אַ זון מאַכט מיך העל.

אָ רעד צו מיר די היילינסטע שמות,
דו ביזט מיר מפֿורש און כ׳שווידער פֿאַר פֿרייד,
מיט טויזענטער אימות
זוינט איין מיין נשמה ווי טוי דיינע רייד . . .

Ex bibl. univ. Tart.

דיין קול מאַכט מיך יונגער
און ס׳נעמט מיך אַ בענקשאַפֿט צום זיין ערשט ארום,
אַ רעד צו מיר ווייטער דו געטליכער זינגער
דיין יעדערעס וואָרט איז פֿון גאָרטען אַ בלום . . .

אויף האַרפֿען כ׳הער שפּילען
לוויים אַ צאַרטע בית־המקדש מוזיק . . .
מיט אדלער געפֿיהלען
שוועב איך צו מיין דור דעם פֿאַרגאַנגענעם צוריק . . .

אָ רעד צו מיר ווייטער, דערצעהל מיר די שטילע,
די מעשיות, און הייב אויף צום הימעל דיין ברעם,
מיין היילינגסטע תפילה
זענען די מעשיות פֿון גרויסען בעל־שם ! . . .

מיין אָרימער שכל
וואָס ער איז ניט תופס פֿאַרנעמט מיין געפֿיהל . . .
אָ רעד צו מיר ווייטער; דיין טרויריגער שמייכעל
מאַכט שטעהן פֿאַר קדושה מיין האַרץ אין מיר שטיל . . .

די מעשה מרכבה
טראָגט אום מיך אין זוהר׳ס אומענדליכען ים, —
מיין גייסט אש־להבה
גליהט אויף ווי דער סנה אַ מאָל מיט זיין פֿלאַם . . .

אָ רעד צו מיר ווייטער, מיט היילינגען ציטער
די כנפי־השכינה באַרירען מיך לינד . . .
מיר דוכט אַז מיין מוטער
זי פֿרעגט מיך מיט טרערען: וואָס פֿעלט דיר מיין קינד . . .

דו נולה־עמוקות,
מגלה הקץ איז דיין הייליגער קול . . .
פֿאַר צער און מתיקות
נעהט אוים מיין נשמה, ווי דעם צדיק׳ס אַמאָל . . .

✦ ✦ ✦

אַמאָל דיין נשמה פֿאַרכאַפּט האָט אַן אימה
די אויגען זיי האָבען דורך נסים געזעהן,
בשעת מיט דיין גרויסער אמונה שלמה
האָט מאריך־באחד דאָס האַרץ דיינס געווען...

עס איז ניט קיין הירהור געוועזען חלילה
נאָר מ׳האָט דיר אַ סוד פֿון דעם הימעל אנטפּלעקט...
און דו ביזט ווי מפסיק געווען פֿון דיין תפילה —
און האָסט מיט די הענד דיר דיין פּנים פֿאַרדעקט...

ס׳איז פסול רחמנא־לצלן אַ יריעה
אין סדרה פֿון ספר ואלה שמות . . .
פֿאַרזעהן האָט דער דין, דער בעל־מגיה,
אז דו האָסט פֿאַרפֿעלט ביי דעם שרייבען אנ׳אות . . .

און ס׳האָט זיך דאָס אות דיר אַוועק פֿאַר די אויגען
אזוי ווי אַ בלוטינער וואָלקען געשטעלט . . .
און כורעים געפֿאַלען פֿאַר דיר און געבויגען:
— אָ סופר האָסט מחריב געוועזען אַ וועלט! . . .

און באַלד האָט דאָס אויג דיינס אַ גרויסע ישיבה
אין הימעל פֿון פֿייער־מלאכים דערזעהן . . .
וואָס האָבען דיר גוזר געוועזען אַ תשובה, —
און ד׳האָסט זי מקבל באהבה געוועז . . .

געלייטערט דיין מאָגערער גוף איז פֿון הונגער,
מכפר געוועז האָט דער תענות דיין זינד . . .
דיין גרויסע נשמה געוואָרען איז גרינגער,
און דו האָסט געשמייכעלט באַ׳חנ׳ט ווי אַ קינד . . .

✦ ✦ ✦

עס שוועבט אין זיין הדר דער רוח־הקודש
זיין פּנים עס לייטערט זיך הייליג פֿון לייד;
אַזוי ווי די פֿרומע לבנה אין חודש
זיך לייטערט אין הימעל פֿון וואָלקענדליך זייד...

ער לינט אויף זיין בעטעל צוזאַמענגעצוינען
אַ פֿלעמעל צאַנקט טרויעריג שטיל אויף דער וואַנד,
און ס'נליען פֿון אַ בינטעל מיט קנאָכען צוויי אויגען,
און האַלטען אַ מדרש מיט נסים אין האַנד...

איך קוק אויף דעם צדיק מיט צער און מיט קומער,
די רענ׳ס מיט פחד און אימה איך צעהל . . .
און ס׳פאַלט אויף זיין גוף דעם פאַרשלאַפטען א שלומער,
דער מדרש ער פאַלט אויס ד׳ער האַנד איהם אַ ווייל . . .

זיין גרויסע נשמה זי מאַכט אַ מהלך
אַ הייליגען שטילען צום בורא אַרויף . . .
און כ׳זעה ווי עס קומט איהם צו חלום אַ מלאך
און רוימט איהם אַ הייליגען סוד איין אין שלאָף . . .

זיין ועהטאָג איך איינזאַמער יורש בין תופס,
און זעץ ווי א דימעט אין האַרץ מיר איהם איין . . .
ס׳וועט אפשר אַ מלאך מיר טהון אַ מופת,
און פותר זיין הייליגען חלום מיר זיין.

הויך איז זיין שטערען מיט קנייטשען געראונצעלט
און יעדערער קנייטש דאָרט דערצעהלט:
זיין לעבען וואָס האָט איהם געפּלאָנט און געמאַטערט
און מוראָדיג ביטער געקוועלט...

אַזוי ווי אַ נזיר אין וואַלד אין אַ וויסטען
האָט ער דאָ פֿאַראיינזאַמטע טעג,
פֿאַרבראַכט אויף דעם עולם, און ספרים געשריבען
מיט בענקשאַפֿט און צער אָהן אַ ברעג...

אַ נִיגון אַ שטילער, אַ שאַטען אַ באַנגער —
וואָס קיינמאָל קיין זון האָט געזעהן . . .
אַזוי איז זיין קינדהייט, אַזוי איז זיין יוגענד
באַטריבט און פאַראייגזאַמט געווען . . .

בלייך איז זיין פּנים אַזוי ווי דער פּאַרמעט
צום ספר, וואָס ער האָט געמאַכט . . .
און טיף איז דאָס אויג זיינס ווי משה'ס מחשבות,
וואָס האָבען זיין ספר באַוואַכט . . .

זיין האַנד איז אַ דאַרע אַזוי ווי די פּענע
מיט וועלכער געשריבען ער האָט . . .
זיין האַרץ איז אַ שטילעס, די טיפסטע יסורים
פאַרשווייגט ער צוגלייך מיט זיין נאָט . . .

פאַראייגזאַמט פון מענשען פאַרלאָזט און אין עלענד
ער ליגט אויף זיין אָרימען בעט . . .
אַזוי ווי זיין לעבען וועט קיינער ניט וויסען —
זיין טויט, און זיין לעצטען געבעט . . .

ער איז פון די ערשטע און קערט צו די לעצטע
נסתרים פון אונזערער צייט . . .
עס האָט זיין נשמה אַזוי ווי די שכינה
געוויינט נאָר פאַרשלאָסענערהייט . . .

און וועט ער דאָס אויג זיינס דאָס טיפע פאַרשליסען;
אל שדי באַוואַך אונז באַהיט !
וועט שטאַרבען דער צדיק הדור, אָ, דער לעצטער
דער גרעסטער פאַרצייטישער יוד . . .

עס פורפורט דער הימעל אַזוי ווי צו נעילה
עס טאַנצט אויף די שויבען אַ פֿלעמעל אַרום,
און לענט זיך אַוועק אין די ווינקלעך די שטילע
און ווערט דאָרט פֿאַרבלייכט ווי אין אָסיען אַ בלום...

אין חדר עס שוועבען פֿאַרלאָזטע דמיונות
ווי וואָלקען נעיאָגטע צוריסען פֿון ווינד...
ווי קלאַנגען פֿאַרוועהטע עס קומען זכרונות
נעזעגענען טרויריג מיט איהם זיך אַצונד...

אַ מאָל פֿלעגט ער יומם ולילה צו זיצען
און שרייבען מזוזות און שמירות אַ סך,
און יעדען פֿון שלעכטען און בייזען באַשיצען
אַליין אָבער קיינמאָל אָן זיך ניט געדאַכט...

זיין איינציגער חבר די הייליגע תורה
שטייט פסול אין ארון הקודש און וויינט...
די אותיות שיטען אַראָפּ זיך אַ מורא,
וואָס האָבען געלויכטען אַמאָל און געשיינט...

ער הויבט אויף די אויגען פֿון טרויער געפֿאַנגען
און לאָזט זיי באַלד זינקען פֿאַראָבל׳ט און שטום...
עס שוועבט ווי אַ טויב זיין נשמה׳ס פֿאַרלאַנגען
מיט ציטער און טרויער אין חלל אַרום...

ער שטרעקט זיינע הענט אויס מיט צער נאָך מחילה
דרייט אום צו דער וואַנט זיך און ודוי זיך הערט, —
כ׳וויל כאַפּען אומארמען די ווערטער די שטילע
וואָס מיר איז אַ לעצט מאָל נאָך הערען באַשערט...

איך שטיי אהן אַ לשון פֿאַרשטיינערט אָהן טרערען
צוקאָפּענס פֿון בעט אים און ציטער און פֿריר.
אָ סופר ווי קאָן איך דיין יורש דען ווערען,
אָ סופר וועם לאָזט דען איבער נאָך דיר?!

זיין שאָטען וואס האָט זיך מיט פֿרומקייט געהויבען,
איז הענגען געבליבען אַצונד אויף דער וואַנד...
אָ ווייטאָג, ווער וועט איהם פֿאַרמאַכען די אויגען?
אַז זינדיג און שוואַך איז מיין טמא׳נע האנד!

* * *

אַזוי ווי פֿון מקדש׳ס פֿאַרהייליגטען היכל
— עס דרינגט פֿון זיין בעט אין מיין האַרצען אַ שטראַל;
זיין פנים דאָס בלייכע ניט ריהרענד אַ שמייכעל
און עפֿענט אַ וועלט מיר, פֿון ליבע אַ קוואַל...

עס האָט איהם דער בורא זיין קשר געוויזען
זיין קשר של־יד מיט די כריכות פֿון פֿלאַם...
און ס׳האָבען גערופֿען צו איהם די אושפיזין
מיט ציטער: אשריך אָ הייליגער סת״ם!...

און ער האָט נשתומם געענטפערט: ואתם
הדבקים — און האָט ווי אַ קינד זיך צעוויינט...
און ס'האָט איהם דער בורא געוויזען די בתים,
די פרשיות מיט בלוטיגע תגין באקריינט...

עס האָבען די שינ'ס געלויכטען ווי שטערען...
פון וואָלקענס געוועזען איז זייער הייליגער עור...
און משה רבנו געקושט האָט די טרערען
וואָס האָבען אַנטפלעקט איהם דעם שמערץ פון זיין דור...

און פלוצים דערהערט האָט ער מורמלען מיט ציטער
אַ קול מיט תחנונים פון שמחה און לייד;
דאָס האָט איהם גערופען זיין הייליגע מוטער
דעם טייערען זוהן איהרען, באַנג פון דער ווייט...

— .אברהם און יצחק די הייליגע שכינה,
און עזרא הסופר ווי בין איך אַצינד?...
— .אָ פאָרכט ניט, דעם גרויסען גן עדן'ס מדינה
שטייט אָפען פאַר דיר, אָ מיין קדיש מיין קינד...

פאַרגעס ניט מיין תכשיט דיין אָרימע מאַמען
און לאָז אויך נהנה זי זיין פון דיין שכר;
זי האָט דאָך מיט פיין דיך דערצויגען, צוזאַמען
מיט צרות און דחקות און ביטערען צער...

אָ שרעק ניט און גיב מיר דיין האַנד די צודאַרטע
און זאָג און דערצעהל מיר מיין קרוין וואָס דיר פעהלט?...
דיין פנים, אוי וועה מיר, דאָס בלייכע פאַרצער'טע
דיין מאַמעניו תכשיט דערצעהל וואָס דיך קוועלט...

די טרערען ווי טויען פֿון בלומען זיי פֿליסען
אין אָוועגט, ווען ס'האַלט שוין די זון ביים פֿאַרגעהן . . .
און לאָזען זיך היילינ אַרונטער און גיסען
פֿון כשר'ן אויג איהם אין מדרש אַריין . . .

דאָס פֿלעמעל פֿאַרלעשט זיך. און ס'בלייבט אין די כמארעס
פֿון הושך פֿאַרהילט נעבען טישעל זיין שטול . . .
וואו ס'ליגען: דער היילינער נידין, די שערות,
דער וואָלפֿצאן ביינאַנט מיט'ן פימזענשטיין שטיל . . .

דער תקון לינט אָפֿען, א געלע יריעה,
א נאָך ניט דערענדינטע שורה אין מיט . . .
און ווער ווייט זי ענדינען האָבען די זכיה ?. . .
וואָס ס'האָט ניט פֿאַרענדינט דער היילינער יוד ! . . .

# א ַנ ד ע ר ע

# ל י ד ע ר

✦ ✦ ✦

עס האָט אין מיין האַרצען אַ בענקשאַפט פאַרזינעלט
מיין פאָטער דער היילינער געטליכער קנעכט ;
און דאָרטען פאַרבאָרגען דער ווייטאָג זיך שפינעלט
פון איהם און זיין ליידענדען גאַנצען געשלעכט
איך האָב מיט דעם שמערץ זיך אויף אייבינ פאַרינעלט
און היט אים אין איינזאַמע טעג און אין נעכט...

עס זענען געפֿאַלען צוויי הייליגע טרערען
ווען ס׳האָט מיר מיין מוטער געזונגען אַ ליד...
ביים ווינעל — און כ׳האָב איהם איהר עלענד דעם שווערען
פֿארנומען ביינאנט מיט איהר טרויריג געמיט;
און וויל איך ווען זינגען פֿון לוסט און באַגערען,
דאַן פֿילט זיך מיין הארץ צו מיין מוטער׳ס געשמידט.

און כ׳פֿאַל אַזוי באַנג און פֿון יעדען פאַרשטויסען
אריין אין דער שויס פֿון מיין מאַמע מיט קלאָג;
אַזוי ווי אין פֿרילינג אויף בליהענדע רויזען
אַ קילער אַ טריבער אַ האַרבסטינער טאָג...
די בענקשאַפֿט מיין פֿאָטערס, דעם איינזאַמען גרויסען,
די טרערען מיין מוטערס איז אַלץ וואָס כ׳פאַרמאָג...

✦ ✦ ✦

איך האָב ווי אַ גאָלד מיינע לידער געוואוינען,
אַזוי ווי אַ דימענט געשליפען דעם גראַם...
עס ווערען די פערעל פון טיפקייט געצווינגען —
דאָך בלייבען די שענסטע אין האַרץ פון דעם ים...

איך האָב אייך מיין ליידען גענעבען צו וויסען
מיין הייליגסטען חלום געמאַכט אייך באַקאַנט...
עס ווערען די רויזען פון גאָרטען געריסען —
דאָך בלייבען די שענסטע אין גאָרטען פאַרוויאַנט:



3*

איך האָב מיין מחשבה, מיין סוד און באַנערען
מגלה געווען מיט אהבה פאַר אייך...
עס פאַלען פון הימעל פיל גאָלדענע שטערען —
דאָך בלייבען די *שענסטע* דאָרט טיף אין *דער* הויך...

✦ ✦ ✦

איך לאָז דאָס נוטע טיף ביי מיר אין האַרצען גליהען
און דאָס שלעכטע דאָרטען גאַנץ לאַיבוד געהן...
איך קום ווי יענער בליץ פֿאַרביי צו פֿליהען
וואָס ס׳זאָגט ערשט אן דער דונער אַז ער איז דאָ געווען...

אָיך שוויינ ווען ס׳דריקט מיך אָפּט צום זינגען און צום וויינען
און רעד איך איז פֿאַרגעפּעלט אויך מיין באַנגער קול...
איך בין ווי יענער שטראַל וואָס לעשט זיך אויס אין שיינען
ווען ער פֿאַלט אַראָפּ אין גרויען לעבענסטאָל...

צו וואָס מיט לידער זיך און יענעם, נאַרען, פּלאָנען,
און לעבען ווי אַ שכור מיט זיך זעלבסט באַטויבט ? . . .
און גלויבען איהם דאָס הייליגסטע צו זאָגען
און זאָגען איהם, וואָס איך און ער ניט גלויבט . . .

דאָך אָפּט פּלאַמט אויף אַ מוז אין האַרצען אפּגעצונדען
און שלאַנגט אַרום מיט כשוף ווילד מיין באַנגען איך . . .
און אַ חשק טיף וואָס כ'קען ניט איבערווינדען
קוועלט און צווינגט מיין האַרץ אָ זיי מגלה זיך ! . . .

און באַלד כ'פאַרבלייב ווי יענעד אָפּגעקיהלטער פונקען
פון דעם טיפען הימעלס אויסגעלאשענעם בליץ . . .
וואָס זוכט זיך ווי אַ ווארעם אַנ'אָפּגרונט צו פאַרזינקען
און פאַלט אריין אין יעדעם שמוציגען ערדען־ריץ . . .

✦ ✦ ✦

און האָסטו באַגעגנט אַ פֿויגעל מיט קלאַנגען
פֿון ליבע ביים הימלישען ברעג;
ווען רויט איז דער הימעל געווען פֿון פֿאַרלאַנגען
פֿאַרבלוט מיט אַ זוניגען פֿלעק?...
די זון איז פאַרגאַנגען!...

און האָסטו באַגעגנט דעם דיכטער דעם נוטען
ביים איינזאַמען קבר פון העלד;
ווען נאָך ניט געשטילט האָט זיין וואונד זיך פֿון בלוטען,
דאָרט זינגען פֿון לעבען דער וועלט?...
דער העלד איז געפאַלען!...

און האָסטו באַגעגנט מיט קליידער צוזעצטע
דיר פרעדיגען גליק ווען דו שטאַרבסט;
דעם נביא מיט נוססע כוחות מיט לעצטע
וואָס איז ווי די זון אינ׳ם האַרבסט?...
דער נביא איז זינדיג!...

און האָסטו באַגעגנט דעם מענש דעם פאַרבלענדטען
פון בענקשאַפט פון שוואַרצער פאַרצערט;
דעם מענש דעם פאַרפיהרטען דעם מענש דעם געשענדטען
אין קראַנצען פון לאָרבער געערט?
דעם מענש דעם פאַרבלענדטען?...

אָ האַס און פאַראַכט זיי, זיי אַלע די העלע
וואָס סס׳ען דיך אָפ מיט זייער טרייסט...
דאָס זענען דאָך ראבען וואָס פרעסען דיין זעלע.
און שכור׳ען דיך אָפ מיט זייער גייסט;
אָ האַס און פאַראַכט זיי!...

✦ ✦ ✦

ווען שטילער וועט ווערען דעם שטורעמס מהומה
נעזעטיגט די ערד פֿון דעם מענשליכען בלוט;
וועט שרייען: אוועק מיט דער ווילדער מלחמה,
דער פֿרייער ביינאַנד מיט דעם מלך מיט מוט!...

און אויפֿגעהן וועט ווידער דאָס פֿייער פֿון וועכטער
אין האַרץ פֿון דעם הימעל, ווי פֿריהער אויף רעכט...
און ס׳וועלען מזנה זיין מוטערס און טעכטער
און וועלען פֿאַרמערען דאָס מענשען־נעשלעכט...

אַ פֿאָטער אָהן וויסען זיין ממזר וועט פֿירען —
די מוטער וועט זעהן דאָס אָהן שאַנד און פֿארדרוס...
דער ממזר ער וועט אויף זיין הערצל שטאָלצירען
די טאָכטער וועט ברענגען זיי שפע פֿון זנות...

נאָך העלדען מיט דענקמאָלס זיין פֿול וועלען גאַסען...
באַדעקטע מיט אָרדען די וואונדען פֿון שפּיז;
עס וועלען די לעבענד-געבליבענע מאַסען
שפּאַצירען מיט נאוה אויף האָלצערנע פֿיס...

און ווידער דאָס לעבען וועט רויזיגער ווערען
אַ דור עס וועט קומען אַ מפּל פֿון זין...
און דיכטערס זיי וועט מען מיט לאָרבער באַערען
וואָס האָבען פֿאַראייבינגט דעם היילינגען קרין...

און ס׳וועט אין מוזעאומס כלי זינס, קאַנאָנען
פֿאַרבלייבען, מיט טראַקטען פֿון עדלערע לייט...
און דאָס וועלען שעצען און אַכטען נאַציאָנען
און שפּעטער מיט ערפֿאָרכט דערמאַנען די צייט...

קיין הונד וועט ניט בילען קיין ווינד וועט ניט וויינען
נאָך אלע געטויטע פֿון שווערט און פֿון קויל...
און ס׳וועלען זיך ווידער די קרוינען פֿאַראייגען
און וועלען זיך עסען ווי טייבליך פֿון מויל...

ווי נעמט מען דעם בלייך מיט דעם דונער דעם גרויסען
וואָס זאָל אייך דערשלאָגען אייער וואַהנזין און וואוט!...
ווי נעמט מען דעם שמערץ וואָס זאָל ס׳האַרץ אייך צורייסען
און דרעשען אייער זעל מיט אַ גליהענדען קנוט...

✦ ✦ ✦

דער אוראַלטער ווינט וועט צעווינען
דעם בוים ביי מיין קבר גאַנץ שטיל מיט זיין האַנד,
איך ווייס ניט אַ וואו איך וועל ליגען
איך קאָן ניט דאָס טרויריג פאַראיינזאַמטע לאַנד...
ס'איז מיר — ווי איך בין דער וועלט ניט באַקאַנט...

מיין ליבסטע וועט אפשר מיט מ'רערען
קומען און קושען פון קבר דעם שטיין,
איך ווייס ניט וואָס ס'וועט פון מיר ווערען
זוי כ'האב ניט געוואוסט וואָס עס וועט מיט מיר זיין,
און וואָס קאָן מיר העלפען מיין קדיש'ס נעוויין?...

עס וועלען די שטראַלען די בלומען פֿאַרברענגען
וואָס ס'האט זיי די זון מיט איהר ליבע פֿאַרבלענדט...
איך בין דאָ געקומען אום אַלץ צו דערקענען,
און איך וועל אַוועקגעהן פֿון קיינעם דערקענט
ווייל כ'האָב דאָ מיין לעבען פֿאַרלעבט אין דער פֿרעמד.

אָ ענטפֿערט מיר הימלען און שטערען און זונען
אָ ענטפֿער מיר מוטער מיין טייערע ערד!...
צי וועל איך פֿאַרפֿאַלען ווי א שטיין אין אַ ברונען
וואו ס'ווערט ניט אפילו קיין קלאַפּ זיך דערהערט —
צי איז מיר א טויט ווי אַ דונער באַשערט!...

# פֿאַרלאַג „דער קוואַל"

Wien, II. Taborstrasse 7/12

## טויט־ציקלוס

צוזאַמענגעשטעלט פֿון מלך ראוויטש

פּראַכט־אויסגאַבע — פּרייז 30 קרוינען

## בער האָראָוויץ: „פֿון מיין היים אין די בערג"

געדיכטע — פּרייז 15 קרוינען

## יודישע פֿאָלקסביבליאָטעק, סעריע:

## פֿינף נפטרים

### שלום עליכם

נר. 1—2 אַ סקיצע פֿון זיין לעבען און שאַפֿען פֿון מ. זיננער

### יצחק לייב פרץ

נר. 3—4 כאַראַקטער־שטריכען פֿון משה זילבורג

### מענדעלע מוכר ספרים

נר. 5—6 פֿראַגמענטען וועגען זיין ליטעראַרישער פּערזענליכקייט פֿון משה נראָס

### שמעון שמואל פֿרוג

נר. 7 אַ בילד פֿון זיין לעבען און שאַפֿען פֿון מלך ראַוויטש

### יעקב דינעזאָהן

נר. 8—9 אַ סקיצע פֿון זיין לעבען און שאַפֿען פֿון בן־יעקב

פּרייז פֿאַר אַ יעדער נומער אין דייטש־עסטרייך 6 קרוינען

דער פּרייז פֿאַר'ן אויסלאַנד ווערד פֿון צייט צו צייט ניי באַשטימט

פֿאַרלאַג „דער קוואַל"

# קריטיק

**הודש־שריפֿט** רעדאַקטאָר משה זילבורג

רעדאַקציע: Wien, XVIII. Karl Ludwigstrasse 5/10

אַדמיניסטראַציע: Wien, II. Taborstrasse 7/12

אַבאָנעמענט פֿאַר אויסלאַנד:

אַ האַלב יאָהר 18 דייטשע מאַרק

אינלאנד:

אַ האַלב יאָהר 48 עסטרייכישע קרוינען

די קריטיק ערשיינט פּינקטליך יעדען ערשטען!

די מיטאַרבייטער:

דוד איגנאַטאָוו, ראובן אייזלאַנד, דוד איינהאָרן, אַל. גוריה, דוד בערגעלזאָן, משה גראָס, נפתלי גראָס, דער נסתר, בער האָראָ־וויץ, נ. וויינינג, י. מ. ווייסענבערג, משה זילבורג, אַ. כאַשין, מלך כמיעלניצקי, משה ליוושיץ, זישאָ לאַנדוי, יוסף לעווי, ב. לאַפּין, ה. לייוויק, מאַני לייב, ל. מילער, יואל מאַסטבוים, א. מ. פֿוקס, נח פּרילוצקי, פּאַולא פּרילוצקי, דוד קעניגסבערג, יונה ראָ־זענפֿעלד, א. ראובני, מלך ראַוויטש און אַנדערע